NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00730

ZUMER IN KINDERLAND

Abraham Leib

The original of this title comes from the permanent collection of the YIVO Institute for Jewish Research, New York, NY

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-00730-7

9780657007300T.PS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

א. לייב.
(ניו-יאָרק)

זומער אין „קינדערלאַנד“

פאַרלאַג „חבר“

ווילנע 1930

ווערטער — מיקאעלא.

מוזיק — לאזאר וויינער.

קינדערלאַנד

(קינדערלאַנד-הימן).



קינדערלאַנד, דאָס לאַנד דאָס גרעסטע.
יוגנט איז די צײַט די בעסטע!
נעסטן צווישן ביימער גרינען, —
דאָרטן זשומען מיר ווי בינען;
עסן, אַרבעטן און שפּילן,
ריין דאָס הארץ און פרײַ דער ווילן.
לעבן סילוואַן-לייק דעם שיינעם
אַלע לעבן מיר איניינעם.
„נײַלאַנד" בויען מיר מיט לידער,
דאָרטן זײַנען אַלע ברידער.
„נײַלאַנד" בויען מיר מיט לידער,
דאָרטן זײַנען אַלע ברידער.

ווייט פון דעם טומל, פון דעם רויש פון דער וועלט־שטאָט ניו־יאָרק, געפינט זיך צווישן בערג און וועלדער דאָס וווּנדערלאַנד — דער קינדערקעמפּ „קינדערלאַנד"*. אויף אַ שטח פון איבער הונדערט און צוואַנציק אַקער לאַנד שפּרייט זיך אויס די קינדער־קאָלאָניע מיט אירע הונ־דערטער פּראַכטפולע טאַנען־ביימער, בערי־זעס און פרוכט־ביימער, אויף וועלכע עס זיינען פאַראַן הונדערטער נעסטן מיט פייגעלעך. אויף דער שטרעקע געפינען זיך בערג און טאָלן, באַוואַקסן מיט אַ סך גראָז און אַ סך בלומען.

דער גרויסער, שיינער טייך „סילוואַן", וואָס האָט אין זיינע בעדערעם אַזוי פיל גע־וויקסן, שטראָמט זיך אַזוי רויִק, אַזוי מאַיעסטע־טיש. ער איז באַרימט אין דער גאַנצער געגנט ניט נאָר מיט זיין שיינקייט, נאָר אויך מיט זיין קלאָרקייט און ריינקייט. ווען מע באָדט זיך אין אים, ווילט זיך אויך זיין וואַסער טרינקען... זיינע פיש ווילן אַלע קינדער כאַפּן...

ביי דער גאַנצער לענג פונעם טייך, אויבן אויפן באַרג, צווישן הונדערטער ביימער קוקן אַראָפּ די קינדערשע באַנגאַלאָס (הייזלעך). יעדעס הייזל איז אַ געביידע פאַר צוועלף אָדער מער קינדער מיט זייער אויפזעער, זייער לערער. אַזעלכע הייזלעך געפינען זיך אין „קינדערלאַנד" עטלעכע און דרייסיק. איבער פיר הונדערט קינדער מיט עטלעכע און דרייסיק לערער פאַרברענגען דאָ זאָרגלאָז און גליקלעך זייערע זומער־וואַקאַציעס.

אַזוי ווי מיר לעבן נאָך נישט אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אָרדענונג, ווו אַלע מענטשן זיינען גלייך, קומט טאַקע אויס, אַז די קינדער פאַרברענגען אין דער קאָלאָניע פאַרשיידענע טערמינען: 2 וואָכן, 5 און 10 וואָכן. טרויעריק זיינען די מאָמענטן, ווען קינדער פאָרן אַוועק פאַרן סוף פון די צוויי־וואָכיקע זומער־וואַקאַציעס און דאַרפן ווידער זיך פּרעגלען אין דער ניו־יאָרקער היץ.

אין צענטער פון דער קאָלאָניע, אויפן העכסטן פּלאַץ, שטייט זיך ווי פאַרחלומט אַ צוויי־שטאָקיקע געביידע. אויפן ערשטן שטאָק איז אַ גרויסער זאַל, וואָס מע רופט אים טאַנצזאַל. יעדן פאַרנאַכט נאָך אָוונטברויט ווערן דאָ הונדערטער קינדער געשפּאַנט זיך צו צו אַ מעשה, וואָס אַ לערער דערציילט זיי. מע זינגט און מע טאַנצט און מע פאַרגעסט זיך אָן ניו־יאָרקער טומל און היץ, פון וואַנען אַלע קומען. מע פאַרגעסט די בענקשאַפט נאָך די עלטערן און עס דאַכט זיך, אַז מע דאַרף גאָר קיינעם ניט האָבן אויסער „קינדערלאַנד"...

אויפן צווייטן שטאָק געפינט זיך דער עס־זאַל. עס שטייען דאָרט איבער דרייסיק לאַנגע טישן און ביי יעדן טיש זיצט אַ לערער מיט זיינע 12 אָדער 14 קינדער. דריי מאָל אַ טאָג קומען דאָ אַריין 400 קינדער מיט זייערע לערער און קלאַפּן מיט די טעלער און זיינען זיך מחיה מיט די מאכלים פון „קינדערלאַנד". די עלטערע קינדער סערווירן זיך אַליין. זיי זיינען דאָך שוין באַלד גרויסע מענטשן... אַ, ווי פריילעך און לעבעדיק דאָ איז! אַ סך טישן זיינען באַצירט מיט די בלומען פון דער קאָלאָניע.

צווישן איין געריכט און דעם צווייטן זינגען די קינדער. ס'טרעפט: ביי אַ פּאָר קינדער זעט מען אַ שטיק ברויט אין מויל, אָבער זיי זינגען אויך מיט, שאָקלענדיק מיט די קעפּ.

דאָ אין עסזאַל באַגריסט מען אַלעמאָל די נייע גרופּעס קינדער, וואָס קומען אויף אַלע צוויי וואָכן, אָדער צו די פינף וואָכן מיטן ליד „מקבל פּנים זיין". דאָ געזעגנט מען זיך אויך מיט די אָפּפאָרנדיקע און דאַמאָלסט איז שוין ניט אַזוי פריילעך אויפן האַרצן...

דער עסזאַל האָט צוויי ווערענדעס, וואָס זיינען אינגאַנצן אָפן, אָבער באַשיצט פון אַ

*) „קינדערקאָלאָניע" פון די ניו־יאָרקער אומפּאַר־טייאישע ייִדישע אַרבעטער־קינדער־שולן. „קינדערלאַנד" געפינט זיך ביי האָפּוועל־דזשאַנקשאַן, זיבעציק מייל פון ניו־יאָרק.



קינדער מיט זייערע לערער אין די „נײַלאַנד"־קאָסטיומען.

רעגן. אין וועראַנדע האָט מען אָפּגעגעבן די קלענסטע קינדער, די יינגלעך פון דער פערטער גרופּע, די זיבניאָריקע. דאָס איז דער אידעאַלסטער פּלאַץ צום עסן. די זון שײַנט דאָ אַרײַן מיט איר פולער פּראַכט. ווען מע קוקט אַראָפּ פון דער וועראַנדע, זעט מען די לאַנדשאַפט ווײַט־ווײַט אַוועק. מע זעט דעם טײַך, די שיפלעך, די הויכע סאָסנעס, דעם טעאַטער און די בערג. אָ, ווי שיין די פּאַנאָראַמע איז! ניט איינמאָל פאַרקוקט זיך אַזאַ זיבניאָריקער בחור און פאַרגעסט דערווײַל צו עסן. אָבער זײַן לערער דערמאָנט אים באַלד:

— „מענדעלע, פאַרוואָס עסטו ניט?"

בײַם אַרויסגאַנג פון דער געבײַדע זײַנען פון ביידע זײַטן אײַנגעאָרדנט סטאַנציעס פאַר מילך. פיר אַזייגער קלינגט דער גלאָק און רופט אַלע קינדער אַהער טרינקען מילך. הונדערטער קינדער שטעלן זיך אין דער ריי, איינער נאָכן אַנדערן און טרינקען אַ טעפּל אײַזקאַלטע מילך און פאַרבײַסן מיט אַ שטיקל פרישגעבאַקענעם קוכן. ס'טרעפט: אייניקע יינגלעך ווילן נישט טרינקען זייער מילך. זיי האָבן הײַנט געפונען אַ קעצל און זיי ווילן אַוועקטראָגן זייערע פּאָרציעס צום קעצל. זייער לערער באַמערקט דאָס און זעט, אַז זיי זאָלן אויסטרינקען זייער מילך, און גיט זיי נאָך אַ פּאָרציע פאַרן קעצל...

• • •

ניט ווײַט פון דער געבײַדע, בײַם לענין־סקווער, וואָס גרענעצט זיך מיט דער קאַרל־מאַרקס־גאַס, געפינט זיך דער גרויסער שיינער „קינדערלאַנד"־טעאַטער. נאָך פון ווײַטן זעט מען, ווי אויף איין וואַנט בײַ דעם הויפּט־אַרײַנגאַנג איז אָנגעשריבן מיט גרויסע רויטע אותיות:

„פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער פאַראייניקט זיך".

דער טעאַטער איז זייער גרויס און האָט אַ גרויסע בינע און פּלעצער פאַר איבער טויזנט מענטשן.

אַ גאַנצן טאָג איז דאָ פול מיט לעבן. קינדער אַרבעטן דאָ פאַרשיידענע האַנט־אַרבעטן, פלעכטן, קלעפּן, נייען אונטער דער אָנפירערשאַפט פון קאָמפּעטענטע לערער.

דאָ לערנט מען זיך מאָלן און גרעסערע קינדער מאָלן אַליין דעקאָראַציעס פאַר די זונטיקדיקע פאָרשטעלונגען. אויף דער בינע טאַנצן קינדער אונטער די טאַקטן פון אַ קלאַוויר. אין אַן אַנדער זײַט שפּילן קינדער „באַסקעט באַל". זייערע אויגן גלאַנצן און אַ פרייד ליגט אויסגעגאָסן אויף זייער גאַנצן קערפּער.



פאַרשטעלונג בײַם קעמפּ-פײַער.

אַ סך קינדער נייען קאָסטיומען. דאָס דאַרף מען דאָך האָבן צו דער קומענדיקער פאַרשטעלונג. אַלע טוען די אַרבעט מיט פרייד, מיט ווילן, פרײַוויליק. קיינער צווינגט זיי ניט צו אַרבעטן. איין מיידעלע כאַפּט דערווײַל אַ דרימל. ס׳איז הײַנט הייס, אָבער אַ שנעל אין נאָז פון אירער אַ חברטע וועקט זי אויף און זי פאַרשעמט זיך.

יעדן פרײַטיק נאָך אָנטבײַיס קומען אַלע פיר הונדערט קינדער אין טעאַטער זען קינעמאַטאָגראַפישע בילדער און מע פאַרברענגט דאָ, ביז די צײַט פון שלאָפן קומט אָן. נײַן אַזייגער קלינגט דער גלאָק און מע מוז גיין שלאָפן און אויסרוען זיך, כדי מאָרגן צו האָבן כוח ווידער צו הוליען. און מע גייט אַוועק שלאָפן מיטן געדאַנק, אַז איבערמאָרגן איז שוין זונטיק און מע וועט ווידער קומען אין טעאַטער זען אַ שיינע קינדער-פאַרשטעלונג.

בײַם טעאַטער איז אײַנגעאָרדנט אַ ספּעציעלער פּלאַץ פאַר סטאָליערײַ. דאָ קלאַפּן קינדער מיט האַמערס, זעגן און בויערן און מאַכן טישלעך, בענקלעך און פאַרשיידענע זאַכן, וואָס קענען ברענגען נוצן זיך און דער קאָלאָניע. דאָ הערשט דער פּרינציפּ צו מאַכן בלויז נוצלעכע זאַכן. די מלאָכה האָבן ליב נאָר די יינגלעך און מע זעט טאַקע זעלטן דאָ אַ מיידל...

לעבן טעאַטער, אַרומגערינגלט פון צוויי זײַטן מיט פאַרשיידענע ביימער, געפינט זיך אַ שיינער פּלאַץ מיט אַ בינע און בענקלעך מיט הונדערטער זיץ-פּלעצער אונטערן אָפענעם הימל. אַ שילדל זאָגט אָן, אַז דער פּלאַץ הייסט „נײַלאַנד“. אין „נײַלאַנד“ קומען פאָר צוויי מאָל דורכן סעזאָן גרויסע יום-טובים. הונדערטער עלטערן פון די קינדער, הונדערטער פרײַנד פון דער קאָלאָניע און פאָרשטייער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג קומען קײַן „קינדערלאַנד“ צו די יום-טובים. אין די „נײַלאַנד“-פאָרשטעלונגען באַטייליקן זיך כמעט אַלע קינדער פון דער קאָלאָניע. אַלע פאָרשטעלונגען פון „נײַלאַנד“ און פון „קינדערלאַנד“ טראָגן אַ פּראָלעטאַרישן כאַראַקטער, און זייער רירנד איז דער מאָמענט, ווען די פאָרשטייער פון דער אַרבעטער-באַוועגונג באַגריסן די קינדער און די לערער צו זייער יום-טוב.

אויף דער אַנדערער זײַט פון „נײַלאַנד“ געפינט זיך דער גאָרטן. ווען די קינדער קומען אין קאָלאָניע, קלײַבן זיי זיך אויס די פאַרשיידענע אַרבעטן. יעדער איינער האָט אַ רעכט אויסצוקלײַבן זיך אַן אַרבעט, בײַ וועלכער ער אַרבעט אַ וואָך צײַט. וויל ער, קען ער לענגער אַרבעטן, אָבער דאָס ווייניקסטע איז אַ וואָך צײַט.



די בײַדלעך אין קעמפּ.

אַ גרויסע גרופּע ייִנגלעך און מיידלעך קלײַבן זיך אויס גאָרטן־אַרבעט. די קינדער פלאַנצן אַרבעס, רעטעכלעך, בלומען און אַנדערע גרינסן. זיי היטן און פלעגן דעם גאָרטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. נישט אַלץ צײַטיק ווערט פאַרטיק אין משך פון די צען וואָכן וואַקאַציע. דערפאַר ווילן אַלע קינדער אַמבעסטן פלאַנצן בלומען און אײַנזעצן רעטעכלעך און ציבעלעס. דאָס ווערט נאָך פאַרטיק פאַר זייער זײַן און זיי קענען זיך באַנוצן מיט דעם. די אַנדערע זאַכן מוזן זיי איבערלאָזן.

אַ חוץ מיט די פלעצער פון אַרבעט און פאַרברענגען שטאָלצירט „קינדערלאַנד" מיט איר טעניס־פעלד און ספּאָרט־פעלד. כאָטש דער גרויסער ספּאָרט־פעלד איז ניט אַזוי נאָענט פון די וווין־הײַזלעך, דאָך לויפט מען אַהין מיט גרויס חשק. מע שפּילט דאָרט פאַרשיידענע באַל־שפּילן: בייז־באָל, פוסבאָל און וואָלסבאָל. מע מאַכט גימנאַסטיק. איינמאָל אין סעזאָן קומט פאָר אַ „פעלד־טאָג", ווען די קינדער האָבן געוועטן אין פאַרשיידענעם ספּאָרט. אַ ספּעציעלער ספּאָרט־דירעקטאָר איז פאַראַן, וואָס זאָרגט דערפאַר, אַז מע זאָל זיך גוט אַמוזירן.

די קינדער פון דער קאָלאָניע זײַנען אײַנגעטיילט אין פיר גרופּעס. די עלטסטע גרופּע, ייִנגלעך און מיידלעך, זײַנען ביז 14 און די ייִנגסטע – זיבן־יאָריקע. אַ חוץ דעם איז פאַראַן אַ קינדערגאָרטן־גרופּע פון גאָר יונגע קינדער, וואָס האָבן באַזונדערע טעטיקייטן. יעדע גרופּע האָט זיך אירע טעטיקייטן, אירע פאַרזאַמלונגען און אירע אָנפירער.

צוויי מאָל אין סעזאָן קומען פאָר וואַלן און די דרײַ עלטסטע גרופּעס וויילן אויס אַן אַלגעמיינעם קינדער־פאָרזיצער, סעקרעטאַר, אַ געריכט און אַ סאַניטאַרע קאָמיסיע. די אויסגעוויילטע באַאַמטע העלפן זייער פיל אין דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָלאָניע. אַ חוץ דעם וויילט יעדע באָנגאַלאָ אויס אירע באַאַמטע, וואָס פאַרוואַלטן מיט דער הילף פונעם לערער די אָנגעלעגנהייטן פון דער באָנגאַלאָ.

צוויי מאָל אין סעזאָן ווערן דורכגעפירט „קינדערטעג". צוויי טעג פון סעזאָן פאַרוואַלטן די קינדער אײַנגאַנצן אַליין מיט דער קאָלאָניע, אָן דער הילף פון די לערער און די־רעקטאָריום. אין די טעג איז נאָך פריילעכער ווי אין גאַנצן סעזאָן. די קינדער פילן זיך ווי גאַנצע באַלעבאַטים.



טאַנץ אַרום קעמפּ־פײַער.

די „קינדערטעג" גיבן זיך זייער גוט אײַן און די קינדער באַווײַזן, אַז זיי קענען זײַן פאַראַנטוואָרטלעך פאַר אויפגאַבן.

יעדער טאָג אין „קינדערלאַנד" האָט זיך זײַן פּראָגראַם, אָבער אומגעפער לעבן די קינדער אָט אַזוי אָפּ אַ טאָג: 7 אינדערפרי שטייט מען אויף, מע וואַשט זיך, מע מאַכט גימנאַסטיק, אַ שפּאַציר אָדער שפּילן – ביז אָנבײַסן. האַלב 9, נאָכן אָנבײַסן, ריייניקט מען די הויף־הײַזלעך און מע שרײַבט בריוו אַהיים – ביז 10 אַזייגער. פון 10 ביז 12 אַרבעט יעדערער בײַ זײַן אַרבעט. פון 12 באָדט מען זיך אָדער מע שיפט זיך ביז מיטיק – 1 אַזייגער. פון מיטיק רוט מען ביז 3 און מע באָדט זיך נאָכאַמאָל אָדער מע שיפט זיך. פון 4 ביז האַלב 5 איז מילך־צײַט. פון האַלב 5 ביז האַלב 6 איז לערנען יידיש, הערן לעקציעס וועגן פאַרשיידענע פראַגן און פאָרלעזונגען. נאָכדעם שפּילט מען זיך אויפן ספּאָרט־פעלד ביז אָוונטברויט (7 אַזייגער). נאָך אָוונטברויט פאַרברענגט מען אין טאַנץ־זאַל אָדער אין טעאַטער: מע זינגט, מע טאַנצט און מע הערט מעשיות. צוויי מאָל אַ וואָך פאַרברענגט מען נאָך אָוונטברויט אין באָנגאַלאָ, ווו מע האָט שמחהלעך. דאָס גליקלעך און פריידיק הוליען גייט אָן ביז 9 אַזייגער, ווען דער גלאָק קלינגט און רופט אַלע קינדער צו גיין שלאָפן.

שבת־נאָכט פאַרברענגט מען שוין לענגער, אַ מאָל אַפילו ביז 10 אַזייגער. ס'איז אַ קעמפּ־פײַער. האַרט בײַם טײַך לייגט מען אָן אַ פײַער. אַלע קינדער זעצן זיך אַרום פײַער, זינגען לידער, טאַנצן אַרום פײַער און הערן זיך אײַן די וויצן און קאָמישע עפּיזאָדן פון אַ וואָך קעמפּ־לעבן, וואָס ווערט פאַרגעלייענט פון „קינדערלאַנד־קונדעס". אַ סך קינדער גיבן פאַרשיידענע נומערן, וואָס זיי האָבן ספּעציעל צוגעגרייט צום קעמפּ־פײַער. מע אַמוזירט זיך זייער פײַן און ס'האָלט זיך געהאָלט אַ גאַנצע נאַכט דאָ־זײַן, – קוקן אויפן פײַער, אויפן טײַך, אויף דער לבנה, וואָס פאַרפּיצט אַזוי שטאַרק... מע מוז אָבער גיין שלאָפן. מאָרגן, זונטיק, איז דאָך דער קאָנצערט פון 10 ביז 12 און מע וויל נישט פאַרשלאָפן...

איין טאָג אין סעזאָן איז אַ טרויעריקער. דאָס איז דער סאַקאָ־ און וואַנזעטי־יאָרצײַט. ס'איז גאָרניט צו דערקענען די פריילעכע קינדער. אַ גאַנצן טאָג שווײַגט מען. מע רעדט נישט בײַם עסן, מע זאָגט זיך אָפּ פון פאַרשיידענע פריילעכע שפּילן. מע טראַכט און מע רעדט זייער פיל וועגן די מאַרטירער־ ס'איז דער יאָרצײַט פון סאַקאָ און וואַנזעטי!

אין קאָלאָניע ווערט זייער שטאַרק אויפגעפּאַסט אויף דער ריינקייט פון די קינדער און פּלאַץ. אַ סך קינדער האָבן אַ טבע אַרום־

צוזײַן מיט פֿאַרשמירטע פּנימער און שמוציקע הענט... אַלע לערער, די „שוועסטער“ און די קינדער – סאַניטאַרן האָבן אַן אויג אויף דעם און יעדע באָנגאַלאָ קינדער, וואָס האַלט זיך די גאַנצע צײַט ריין, קריגט אַ פּריז.

יעדן פֿרײַטיק, באַלד נאָך אָנבײַסן, הייבט זיך אָן די גענעראַל־רייניקונג אין דער קאָלאָניע. די קינדער זײַנען באַשעפֿטיקט ווי בינען. מע נעמט אַרויס די בעטן צו לופֿטערן. מע קלאַפּט אויס די מאַטראַצן, מע קערט און מע וואַשט. יעדער איינער וויל זיך אויסצייכענען, וויל טאָן וואָס מער אַרבעט. יעדער איינער וויל, אַז זײַן באָנגאַלאָ זאָל זײַן די ריינסטע אין דער קאָלאָניע. זשאַלעוועט מען טאַקע ניט קיין וואַסער און קיין כּוחות און מע רײַבט די דילן און ווענט, ביז מען איז זיכער, אַז מ׳איז ריין. פֿאַרטיק מיט דער באָנגאַלאָ, הייבט זיך אָן אַ סדרה בעטן. מע ציט איבער די קישנס מיט ריינע ציכלעך און לײַלעכער און יעדער איינער באַמיט זיך, אַז זײַן בעטל זאָל זײַן דאָס שענסטע. ווען אַלץ איז פֿאַרטיק, גייט דאָס קינד, דער סאַניטאַר־אַרום און אונטער־זוכט יעדע קלייניקײַט און שעפּט נחת, וואָס זײַן באָנגאַלאָ איז הײַנט אַזוי שיין און ריין. מענדעלע איז אָבער הײַנט ניט צופֿרידן. זײַן בעט איז אים נישט אַזוי גוט אַרויסגעקומען און אַלט נקמה נעמט ער און שלאָגט דאָס בעט...

אַ סך קינדער האָבן גאָר אַ טבֿע צו פֿאַרלירן זייער זייף, צאָן־בערשטלעך, קעמלעך און וואָס ניט? נישט איינמאָל איז אויסגעקומען צו לאַכן. מענדעלע האָט אינדערפֿרי אַרומגעזוכט זײַנע הויזן. גוואַלד, ווו זײַנען מײַנע הויזן? ווער האָט צוגענומען מײַנע הויזן? – נאָך אַ לאַנגער זוכעניש ווײַזט זיך אַרויס, אַז קיינער האָט ניט צוגענומען זײַנע הויזן, נאָר ער האָט זיי צופֿעליק אַרײַנגעלייגט אין זײַן קופֿערט, אַנשטאָט זיי אַוועקצולייגן אויפֿן בענקל...

וואָס טוט מען אָבער מיט די קינדער, וואָס האָבן דאָך פֿאַרלאָרן זייערע קעמלעך צאָן־בערשטלעך און אַנדערע זאַכן? אַ דעלעגאַט פֿון באָנגאַלאָ גייט אין קינדער־קאַנצעלאַריע און דאָרט קען ער דאָס אַלץ קריגן, ווײַל „קינדערלאַנד“ זאָרגט זיך אויך פֿאַר אַזעלכע קינדער, וואָס האָבן ליב צו פֿאַרלירן...

אַזוי לאַכט מען און מע שטיפֿט אָפּ אַ גאַנצן זומער אין דער קאָלאָניע. מע מערקט נישט און מע פֿילט נישט, ווי די טעג און די וואָכן לויפֿן אַוועק. די צײַט אָבער שטייט ניט און ווען מע גיט זיך אַ כאַפּ, דאַרף מען שוין זינגען:

„אָ, קינדערלאַנד. מײַן קינדערלאַנד,
אין טרויער און אין פֿריידן,
געקומען איז דאָך שוין די צײַט,
מיר מוזן זיך צעשיידן.
אָ, קינדערלאַנד, מײַן קינדערלאַנד,
אין טרויער און אין פֿריידן!

אָ, קינדערלאַנד, מײַן קינדערלאַנד,
איך וועל דיך לאַנג געדענקען,
און קומען אָן די ווינטער־נעכט,
וועל איך נאָך דיר אויך בענקען.
אָ, קינדערלאַנד, מײַן זומער־היים,
איך וועל דיך לאַנג געדענקען.“

ס׳ווילט זיך ניט פֿאַרלאָזן דאָס וווּנדערלאַנד „קינדערלאַנד“. ס׳ווילט זיך ניט צוריקפֿאָרן צום טומל און רויש פֿון דער וועלטשטאָט ניו־יאָרק, אָבער די זומער־וואַקאַציעס זײַנען איז שוין פֿאַרבײַ...

Summer in Camp „Kinderland"

by

A. LEIB

New-York.

Verlag „Chawer"

1930.